נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

# זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ מִיטְן פֵּירוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אוֹיף אִידִישׁ

יו"ל בעזהשי"ת ע"י מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים | עלון מס' 61 | פרשת מקץ – חנוכה תשפ"ב

לוח עמוד היומי בזוה"ק פרשת ויגש

חלק ה - פרשת וארא

| יום | וילנא | מתוק מדבש |
|---|---|---|
| ראשון | כח ע"ב | רצז-שב |
| שני | כט ע"א | שב-שז |
| שלישי | כט ע"ב | שז-שיב |
| רביעי | ל ע"א | שיב-שיז |
| חמישי | ל ע"ב | שיז-שכג |
| שישי | לא ע"א | שכג-שכח |
| שב"ק | לא ע"ב | שכח-שלד |

## למלכים, נביאים, חסידים וחכמי הדור מגלים משמים העתידות

**וַיִּשְׁלַח וַיִּקְרָא אֶת כָּל חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם, אִלֵּין חֲרָשִׁין** אלו הם המכשפים, **וְאֶת כָּל חֲכָמֶיהָ, אִלֵּין חַכִּימִין בְּטַיְירָא** אלו הם חכמים החוזים בכוכבים ומזלות, **וְכֻלְּהוּ הֲווֹ מִסְתַּכְּלָן לְמִנְדַּע וְלָא יָכִילוּ לְאַדְבְּקָא** וכולם היו מסתכלים ומתבוננים לדעת פתרון החלום ולא היו יכולים להשיגו. **אָמַר רַבִּי יִצְחָק, אַף עַל גַּב דְּאִתְּמַר דְּלָא אַחְזְיָין לֵיהּ לְבַר נָשׁ אֶלָּא בְּהַהוּא דַּרְגָּא דִילֵיהּ** אעפ"י שלמדנו שלא מראים לאדם אלא לפי המדרגה הראויה לו, **אבל שָׁאנֵי לְמַלְכִּים דְּאַחְזְיָין לוֹן מִלִּין עִלָּאִין וּמְשַׁנְיָין מִבְּנֵי נָשָׁא אָחֳרָנִין** אבל למלכים אינו כן שמראים להם דברים עליונים ומשונים מבני אדם אחרים, **כְּמָה דְמַלְכָּא דַרְגֵּיהּ עִלָּאָה עַל כָּל שְׁאָר אָחֳרָנִין** כמו שהמלך מדרגתו למעלה על כל שאר אנשים אחרים, **הָכִי נָמֵי אַחֲזִיאוּ לֵיהּ בְּדַרְגָּא עִלָּאָה עַל כָּל שְׁאָר אָחֳרָנִין** כמו כן מראים להם בחלום במדרגה עליונה על כל שאר בני אדם אחרים, **כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר אֶת אֲשֶׁר הָאֱלֹהִי"ם עוֹשֶׂה הֶרְאָה אֶת פַּרְעֹה** ר"ל ששרו של מעלה שופע בו השגה לדעת מה שהוא טוב לצורך הנהגת העם והמדינה, וכל שכן אם ישראל גולים תחת ידו אז נשפע ניצוץ שכינה בהשר של מעלה ויגלה למלך יותר מהשגתו, **אֲבָל לִשְׁאָר בְּנֵי נָשָׁא לָא גָּלֵי לוֹן קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מַה דְּאִיהוּ עָבֵד** אבל לשאר בני אדם אין הקב"ה מגלה מה שהוא עתיד לעשות בעולם, **בַּר לִנְבִיאֵי אוֹ לַחֲסִידֵי אוֹ לְחַכִּימֵי דָרָא וְהָא אוֹקְמוּהָ** מלבד לנביאים או לחסידים או לחכמי הדור כמו שכבר פירשנו. (דף קצד ע"ב, ובביאורינו כרך ד עמ' קסו - קסז)

## אידיש

### פַאר קֶענִיגְן, נְבִיאִים, חֲסִידִים אוּן דִי חַכְמֵי הַדוֹר אַנְטְפְּלֶעקְט מֶען פוּן הִימְל וָואס עֶס גֵייט זַיין

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיִּשְׁלַח וַיִּקְרָא אֶת כָּל חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם", אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט רוּפְן אַלֶע חַרְטוּמִים פוּן מִצְרַיִם, דָאס זֶענֶען דִי כִּישׁוּף מַאכֶער, "וְאֶת כָּל חֲכָמֶיהָ", אוּן אִירֶע אַלֶע קְלוּגֶע, דָאס זֶענֶען דִי חֲכָמִים וָואס קוּקְן אִין דִי שְׁטֶערְן אוּן אִין דִי מַזָּלוֹת, אוּן זֵיי אַלֶע הָאבְּן גֶעקוּקְט אוּן זִיךְ בַּאטְרַאכְט צוּ וִויסְן דֶעם בַּאשֵׁיידוּנְג פוּנֶעם חָלוֹם אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְגְרֵייכְן. הָאט רַבִּי יִצְחָק גֶעזָאגְט, כָאטְשׁ מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַז מֶען וַוייזְט נִישְׁט פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר לוֹיט דִי מַדְרֵגָה וָואס אִיז פַּאסִיג פַאר אִים, אָבֶער פַאר קֶענִיגְן אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר מֶען וַוייזְט זֵיי זַאכְן וָואס זֶענֶען דֶערְהוֹיבְן אוּן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס מֶען וַוייזְט פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטַאנְד פוּנֶעם קֶענִיג אִיז הֶעכֶער אִיבֶּער אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי אוֹיךְ וַוייזְט מֶען פַארְן קֶענִיג אִין חָלוֹם זַאכְן וָואס זֶענֶען אוֹיף אַ הֶעכֶערְן שְׁטַאנְד וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אֶת אֲשֶׁר הָאֱלֹקִים עוֹשֶׂה הֶרְאָה אֶת פַּרְעֹה", דָאס וָואס גָאט וֶועט טוּן הָאט עֶר גֶעוִויזְן פַּרְעֹה, דָאס הֵייסְט אַז דֶער שַׂר פוּן פַּרְעֹה אוֹיבְן מַאכְט עֶס זָאל קוּמֶען צוּ אִים אַ הַשָּׂגָה צוּ וִויסְן וָואס עֶס אִיז גוּט פַארְן פִירוּנְג פוּנֶעם פָאלְק אוּן פוּנֶעם לַאנְד, אוּן קַל וָחוֹמֶר אוֹיבּ דִי אִידְן זֶענֶען אִין גָלוּת אוּנְטֶער זַיין הַאנְט, דֶעמָאלְטְס קוּמְט אַ נִיצוֹץ פוּן דִי שְׁכִינָה אִינֶעם שַׂר פוּן אוֹיבְן אוּן עֶר אַנְטְפְּלֶעקְט פַארְן קֶענִיג מֶער וִוי זַיין בַּאגְרִיף, אָבֶער פַאר דִי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן טוּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְן דָאס וָואס עֶר אִיז אָנְגֶעגְרֵייט צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיסֶער פַאר נְבִיאִים אָדֶער פַאר דִי חֲסִידִים אָדֶער פַאר דִי חַכְמֵי הַדוֹר, אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן שׁוֹין עֶרְקְלֶערְט.

# הקב"ה המשיך חוט של חסד על יוסף לפני פרעה

**וַיְרִיצֻהוּ** [מן הבור], **חָסֵר וא"ו** שמורה על לשון יחיד, **וּמַאן אִיהוּ** ומי הוא שהריץ את יוסף מן הבור, **דָּא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** הוא הקב"ה, **בְּגִין דְּהָא לֵית מַאן דְּאָסִיר וּפַתַּח בַּר קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** לפי שאין מי שיאסור ויתיר מבית האסורים חוץ מהקב"ה, **דִּכְתִיב יִסְגֹּר עַל אִישׁ וְלֹא יִפָּתֵחַ** כאשר הקב"ה יסגור את המאסר על איש הנה לא יפתח בזולת חפצו, **וּכְתִיב וְהוּא יַשְׁקִט וּמִי יַרְשִׁיעַ** כאשר יגזור המקום על מי לשבת שוקט ובוטח אז מי יחריד ויבלבל אותו, **וְיַסְתֵּר פָּנִים וּמִי יְשׁוּרֶנּוּ** וכאשר יסתיר הקב"ה פנים ממי לבל ישגיח בו לתת לו די מחסורו, אז מי ישגיח בו למלאות חסרונו, **וְעַל גּוֹי וְעַל אָדָם יָחַד** בין על אומה שלימה בין על אדם יחידי רק הקב"ה לבדו המשגיח למלאות חפצם ורצונם, **דְּהָא כֹּלָּא בֵּיהּ** כי הכל תלוי בו לבדו, **וּכְתִיב וּכְמִצְבְּיֵהּ עָבֵד בְּחֵיל שְׁמַיָּא וְדָיְרֵי אַרְעָא** הקב"ה עושה כחפצו וכרצונו בצבא השמים ובשוכני ארץ, **וְלָא אִיתַי דִּי יְמַחֵא בִידֵיהּ וְיֵאמַר לֵיהּ מָה עֲבַדְתְּ** ואין מי שימחה בידו ויאמר לו מה עשית הלא לא נכון הדבר, **וּבְגִין כָּךְ** בשביל זה **כְּתִיב וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר וְגוֹ'** ומפרש **מַאי וַיְרִיצֻהוּ** ואמר שהוא **כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר יֶעְתַּר אֶל אלו"ה וַיִּרְצֵהוּ** כאשר יעתר ויתפלל אל אלו"ה יתרצה הקב"ה לקול תחנוניו, **כְּגַוְונָא דָא וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר** פי' הוא לשון רצון כלומר שהקב"ה נתרצה לקול תחנוניו של יוסף שהיה מתחנן אליו בראותו צרת נפשו בבור ההוא, **וּלְבָתַר** ואחר שנתרצה למעלה נתרצה גם למטה, לכן **וַיָּבֹא אֶל פַּרְעֹה.**

**דָּבָר אַחֵר** פירוש אחר על מה שכתוב **וַיְרִיצֻהוּ** שהוא לשון רצון וחן, **דְּאַמְשִׁיךְ עֲלֵיהּ חוּטָא דְּחֶסֶד לְמֵיהַב לֵיהּ חִנָּא קַמֵּיהּ דְּפַרְעֹה** שהקב"ה המשיך עליו חוט של חסד לתת לו חן לפני פרעה, ועל ידי זה נתעורר בלב פרעה

## אידיש

### דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעצוֹיגְן אַ חוּט שֶׁל חֶסֶד אוֹיף יוֹסֵף פַאר פַּרְעֹה

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר", אוּן זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן יוֹסֵף פוּנֶעם גְרוּבּ, דִי וָוארְט "וַיְרִיצֻהוּ" שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן אַן אַ וָא"ו אִינְמִיטְן, וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף אַ לָשׁוֹן יָחִיד אוּן וֶוער אִיז דָאס וָואס הָאט אַרוֹיס גֶעצוֹיגְן פַאר יוֹסֵף פוּנֶעם בּוֹר, דָאס אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס קֶען אַרֶעסְטִירְן אוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַרֶעסְט-הוֹיז נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "יִסְגֹּר עַל אִישׁ וְלֹא יִפָּתֵחַ", וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שְׁפַּארְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ אִין אַרֶעסְט-הוֹיז, וֶוערְט עֶס נִישְׁט גֶעעֶפֶנְט אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין, נָאר אוֹיבּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאגֶערְט אַזוֹי, אוּן נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְהוּא יַשְׁקִט וּמִי יַרְשִׁיעַ", אוֹיבּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוֹזֵר אוֹיף אֵיינֶעם אַז עֶר זָאל זַיְין רוּאִיג אוּן זִיכֶער, וֶוער קֶען דֶען אִים דֶעמָאלְטְס דֶערְצִיטֶערְן אוּן צוּטוּמְלֶען, "וְיַסְתֵּר פָּנִים וּמִי יְשׁוּרֶנּוּ", אוּן אוֹיבּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט בַּאהַאלְטְן זַיְין פָּנִים פוּן אֵיינֶעם, זִיךְ נִישְׁט אוּמְצוּקוּקְן אוֹיף אִים אוּן אִים גֶעבְּן גֶענוּג וִויפִיל עֶס פֶעלְט אִים אוֹיס, וֶוער קֶען זִיךְ דֶעמָאלְטְס אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים צוּ אִים עֶרְפִילְן וָואס עֶס פֶעלְט אִים אוֹיס, "וְעַל גּוֹי וְעַל אָדָם יָחַד", אוּן סַיי אוֹיף אַ פָאלְק אוּן סַיי אוֹיף אַן אֵיינְצֶעלְנֶעם מֶענְטְשׁ, טוּט נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זִיךְ אוּמְקוּקְן צוּ עֶרְפִילְן זֵייעֶר בַּאגֶער אוּן זֵייעֶר ווִילְן, וַוייל אַלֶעס אִיז אָפְּהֶענְגִיג נָאר אִין אִים אַלֵיין, אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק שְׁטֵייט "וּכְמִצְבְּיֵהּ עָבֵד בְּחֵיל שְׁמַיָּא וְדָיְרֵי אַרְעָא", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַזוֹי וִוי זַיְין בַּאגֶער אוּן אַזוֹי וִוי זַיְין ווִילְן אִין דֶער מִילִיטֶער פוּנֶעם הִימְל אוּן אִין דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן דִי עֶרְד, "וְלָא אִיתַי דִּי יְמַחֵא בִידֵיהּ וְיֵאמַר לֵיהּ מָה עֲבַדְתְּ", אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל שְׁטֶערְן אִין זַיְין הַאנְט אוּן זָאגְן צוּ אִים וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן דִי זַאךְ אִיז דָאךְ נִישְׁט רִיכְטִיג, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר וְגוֹ'", אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט, וָואס מֵיינְט "וַיְרִיצֻהוּ", דָאס אִיז אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "יֶעְתַּר אֶל אֱלוֹקַ וַיִּרְצֵהוּ", וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיְין צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ בַּאוִוילִיגְן צוּ דֶעם קוֹל פוּן זַיינֶע גֶעבֶּעטְן, אַזוֹי אוֹיךְ דָא "וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן רָצוֹן, ווִילְן, דָאס הֵייסְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאוִוילִיגְט גֶעוָוארְן צוּם קוֹל פוּן דִי גֶעבֶּעטְן פוּן יוֹסֵף, וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ אִים זֶעעֶנְדִיג דִי צָרָה פוּן זַיְין זֶעל דָארְטְן אִינֶעם גְרוּבּ, אוּן נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז בַּאוִוילִיגְט גֶעוָוארְן אוֹיבְן אִיז עֶר בַּאוִוילִיגְט גֶעוָוארְן אוֹיךְ אוּנְטְן, אוּן דֶערִיבֶּער "וַיָּבֹא אֶל פַּרְעֹה", אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ פַּרְעֹה.

**נָאךְ** אַ פְּשַׁט אוֹיף דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיְרִיצֻהוּ", וָואס עֶס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן רָצוֹן אוּן חֵן, דָאס מֵיינְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעצוֹיגְן אַ חוּט שֶׁל חֶסֶד אִים צוּ גֶעבְּן חֵן פַאר פַּרְעֹה, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶרְוֶועקְט

טוב על יוסף, לכן אפילו בהיותו עדיין בבור מצא חן בעיניו קודם שראה פניו, **מַה כְּתִיב** כלומר שעל ידי שנכנס בלב פרעה שיוסף יפתור לו חלומו, לא הספיק יוסף להקדים לו שלום, אלא שתיכף ומיד בראותו פתח פרעה ואמר חלום חלמתי וגו׳, ואחר ששתק פרעה התחיל יוסף לתת לו שלום ואמר לו **אלהי״ם יַעֲנֶה אֶת שְׁלוֹם פַּרְעֹה, בְּגִין לְאַקְדָּמָא לֵיהּ שְׁלָם וּלְמִפְתַּח בִּשְׁלָם** כדי להקדים לו שלום ולהתחיל דבריו במלת שלום כדי להמשיך עליו שפע וכח ממדתו מדת השלום. (דף קצה ע״א, ובביאורינו כרך ד עמ׳ קעב-קעג)

## העושה מעשים טובים מקבל סיוע מצד הקדושה

מה שכתוב **אֶת הַכֹּל עָשָׂה יָפֶה בְעִתּוֹ, גַּם אֶת הָעוֹלָם נָתַן בְּלִבָּם, מִבְּלִי אֲשֶׁר לֹא יִמְצָא הָאָדָם אֶת הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר עָשָׂה הָאֱלהי״ם וְגוֹ׳** הקדים ואמר **תָּא חֲזֵי זַכָּאִין אִינוּן דְּמִשְׁתַּדְּלֵי בְּאוֹרַיְיתָא** בא וראה אשרי לאותם שעוסקים בתורה, **וְיָדְעֵי לְאִסְתַּכְּלָא בְּרָזָא דְחָכְמְתָא** ויודעים להסתכל ולהתבונן גם בסוד החכמה, כי מה שכתוב **אֶת הַכֹּל עָשָׂה יָפֶה בְעִתּוֹ** פירושו **כָּל עוֹבָדִין דַּעֲבַד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בְּעָלְמָא** כל המעשים שעשה וברא הקב״ה בעולם, **בְּכָל עוֹבָדָא וְעוֹבָדָא אִית דַּרְגָּא מְמַנָּא עַל הַהוּא עוֹבָדָא בְּעָלְמָא הֵן לְטַב הֵן לְבִישׁ** בכל מעשה ומעשה יש מדרגה הממונה בעולם לסייע את האדם על אותו המעשה שעושה בין לטוב ובין לרע, ושורש כל המעשים הם במלכות, **מִנְּהוֹן דַּרְגִּין לִימִינָא וּמִנְּהוֹן דַּרְגִּין לִשְׂמָאלָא** יש מהם מדרגות המושרשות בימין המלכות שהוא צד החסד שבה, ויש מהם מדרגות המושרשות בשמאל המלכות שהוא צד הגבורה שבה.

ומפרש **אָזִיל בַּר נָשׁ לִימִינָא** אם הולך האדם לימין שהוא צד הקדושה, **הַהוּא עוֹבָדָא דְּעָבִיד** אותו מעשה המצוה שהוא עושה, (ה״ג מוה״ל) **הַהוּא דַּרְגָּא דִּימִינָא מְמַנָּא לְהַהוּא סִטְרָא עָבִיד לֵיהּ סִיּוּעָא** אותה המדרגה הממונה לצד

## אידיש

גֶעוָוארְן אִינֶעם הַארְץ פוּן פַּרְעֹה גוּטְס אוֹיף יוֹסֵף, און דֶערִיבֶּער אֲפִילוּ וֶוען יוֹסֵף אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִינֶעם גְרוּבּ הָאט עֶר גֶעפִינֶען חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן פַּרְעֹה נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעזֶען זַיין גֶעזִיכְט, דָאס הֵייסְט, אַז דוּרְכְדֶעם וָואס עֶס אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי הַארְץ פוּן פַּרְעֹה אַז יוֹסֵף זָאל אִים עֶנְטְשֵׁיידְן זַיין חָלוֹם, הָאט יוֹסֵף נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט אִים צוּ פֶּעדֶערְן שָׁלוֹם, נָאר גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעזֶען הָאט פַּרְעֹה אָנְגֶעהוֹיבְּן און גֶעזָאגְט "חֲלוֹם חָלַמְתִּי וְגוֹ׳", אִיךְ הָאבּ גֶע׳חָלוֹמְ׳ט אַ חָלוֹם, און נָאכְדֶעם וָואס פַּרְעֹה אִיז שְׁטִיל גֶעוָוארְן הָאט יוֹסֵף אָנְגֶעהוֹיבְּן אִים צוּ גֶעבְּן שָׁלוֹם און עֶר הָאט גֶעזָאגְט "אֱלֹקִים יַעֲנֶה אֶת שְׁלוֹם פַּרְעֹה", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְטְפֶערְן דֶעם פְרִידְן פוּן פַּרְעֹה, כְּדֵי צוּ פֶּעדֶערְן פַאר אִים שָׁלוֹם און אָנְצוּהֵייבְּן זַיינֶע רֵייד מִיט דִי וָוארְט שָׁלוֹם, כְּדֵי צוּ בְּרֶענְגֶען אוֹיף אִים שֶׁפַע און כֹּחַ פוּן זַיין מִדָּה, דִי מִדָּה פוּן שָׁלוֹם.

### דֶער וָואס טוּט מַעֲשִׂים טוֹבִים בַּאקוּמְט הִילְף מִצַּד הַקְּדוּשָׁה

**דָאס** וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אֶת הַכֹּל עָשָׂה יָפֶה בְעִתּוֹ, גַּם אֶת הָעוֹלָם נָתַן בְּלִבָּם, מִבְּלִי אֲשֶׁר לֹא יִמְצָא הָאָדָם אֶת הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר עָשָׂה הָאֱלֹקִים", אַלֶעס הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט שֵׁיין אִין זַיין צַייט, אוֹיךְ דִי וֶועלְט הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אִין זֵייעֶר הַארְץ עֶס צוּ פַארְשְׁטֵיין, אָנֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל גֶעפִינֶען דָאס טוּאוּנְג וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן, עֶר זָאל נִישְׁט וִויסְן וִוי לַאנְג עֶר וֶועט לֶעבְּן, כְּדֵי עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, און צוּם עֶרְשְׁטְ זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, קוּם און זֶע, וואויל אִיז צוּ דִי וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה, און זֵיי וֵויסְן צוּ קוּקְן און אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אוֹיךְ אִינֶעם סוֹד הַחָכְמָה, וַוייל דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אֶת הַכֹּל עָשָׂה יָפֶה בְעִתּוֹ", דָאס מֵיינְט אַז אַלֶע מַעֲשִׂים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט און בַּאשַאפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז דָא אִין יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מַעֲשֶׂה אַ מַדְרֵגָה וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה וָואס עֶר טוּט, סַיי צוּם גוּטְן און סַיי צוּם שְׁלֶעכְטְן, און דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן אַלֶע מַעֲשִׂים אִיז אִין דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת, אַ טֵייל פוּן זֵיי זֶענֶען מַדְרֵגוֹת וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעוָוארְצְלְט אִין דִי רֶעכְטֶע זַייט פוּן דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת, וָואס דָאס אִיז דֶער צַד הַחֶסֶד פוּן אִיר, און אַ טֵייל פוּן זֵיי זֶענֶען מַדְרֵגוֹת וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעוָוארְצְלְט אִין דִי לִינְקֶע זַייט פוּן דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת וָואס דָאס אִיז דֶער צַד הַגְּבוּרָה פוּן אִיר.

**און** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ דִי רֶעכְטֶע זַייט וָואס דָאס אִיז דִי זַייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה, אִיז אָט דִי מַעֲשֶׂה הַמִּצְוָה וָואס עֶר טוּט, אָט דִי מַדְרֵגָה

ימין היא מסייעת אותו לעשות את מעשה המצוה, **וְכַמָּה אִינּוּן דִּמְסַיְּיעֵי לֵיהּ** ויש עוד כמה מלאכים שהם כוחות היצר טוב ששורשם בצד החסד של המלכות המסייעים אותו לעשות מעשים טובים, **אָזַל בַּר נָשׁ לִשְׂמָאלָא וְעָבִיד עוֹבָדוֹי** אם הולך האדם לשמאל שהוא צד הטומאה ועושה מעשיו הרעים, אז **הַהוּא עוֹבָדָא דְּעָבִיד** אותו מעשה הרע שעושה, (ה"ג הרלא"ג) **מְמַנָּא דְּאִיהוּ לְהַהוּא סִטְרָא קָא מְקַטְרֵג לֵיהּ** אותו הממונה שהוא לצד שמאל מקטרג עליו, **וְאוֹבִיל לֵיהּ לְהַהוּא סִטְרָא וְאַסְטֵי לֵיהּ** ומוליך אותו להסטרא אחרא ומטה אותו לעשות מעשים רעים ע"י שכבר נמסר בידו רח"ל.

ומסיק דבריו **וּבְגִין כָּךְ הַהוּא עוֹבָדָא דְּעָבִיד בַּר נָשׁ כִּדְקָא חָזֵי** ולפיכך אותו מעשה שאדם עושה כראוי לו, דהיינו מעשים טובים, **הַהוּא מְמַנָּא דִּסְטַר יְמִינָא קָא מְסַיֵּיעַ לֵיהּ** אותו הממונה של צד ימין שהוא היצר טוב מסייע אותו לעשותו, **וְדָא הוּא בְּעִתּוֹ** והיא המלכות הנקראת בעתו, שבה מושרש היצר טוב, ומפרש **יָפֶה בְּעִתּוֹ** פירוש **דְּהַהוּא עוֹבָדָא מִתְקַשְּׁרָא בְּעִתּוֹ כִּדְקָא חָזֵי לֵיהּ** כי אותו מעשה המצוה שעשה האדם מתקשר במלכות כראוי לו, כי היא המסייעת את האדם לעשות מעשים טובים. וזה שאמר שלמה המלך אחר שפרט כ"ח העתים, אמר, את הכל פירוש כל מעשי ומדות בני אדם בין טובים בין רעים, עשה יפה בעתו פירוש השריש הקב"ה במלכות הנקראת עתו שהיא המסייעת את האדם לעשות מעשיו על ידי מלאכי מעלה שהם היצר טוב והיצר הרע. (דף קצה ע"ב, ובביאורינו כרך ד עמ' קעה-קעט)

## כל מעשי האדם תלויים בבחירה

**גַּם אֶת הָעוֹלָם נָתַן בְּלִבָּם** פירוש אף על פי שיש על כל דבר רע מלאך ממונה למעלה המחטיאו, לא מפני כך הוא מוכרח במעשיו אלא **כָּל עָלְמָא** כל קיום העולם, **וְכָל עוֹבָדוֹי דְּעָלְמָא** וכל המעשים שנעשים בעולם, **לָאו אִינּוּן אֶלָּא בִּרְעוּתָא דְּלִבָּא** אינם תלוים אלא בבחירה וברצון הלב **כַּד סָלִיק בִּרְעוּתָא דְּבַר נָשׁ** כפי שעולה ברצון האדם לעשות את מעשיו, **זַכָּאִין אִנּוּן צַדִּיקַיָּא דְּאַמְשִׁיכוּ עוֹבָדִין טָבִין לְאוֹטָבָא לוֹן וּלְכָל עָלְמָא** אשרי להצדיקים

## אידיש

וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט צוּ דִי רֶעכְטֶע זַייט, זִי הֶעלְפְּט אִים צוּ טוּן דִי מַעֲשֶׂה הַמִּצְוָה, אוּן עֶס זֶענֶען דָא נָאךְ פִילֶע מַלְאָכִים וָואס זֵיי זֶענֶען דִי כּוֹחוֹת הַיֵּצֶר טוֹב וָואס זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ אִיז אִין דֶעם צַד הַחֶסֶד פוּן דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת, וָואס זֵיי הֶעלְפְן אִים צוּ טוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים, אוּן אוֹיבּ גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ צוּ דִי לִינְקֶע זַייט וָואס דָאס אִיז דֶער צַד הַטוּמְאָה אוּן עֶר טוּט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, דֶעמָאלְטְס אִיז אָט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר טוּט, טוּט אָט דֶער אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶער וָואס עֶר אִיז צוּ דִי לִינְקֶע זַייט, מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אִים, אוּן עֶר פִירְט אִים צוּ דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן עֶר צִיט אִים צוּ טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וְוִיבַּאלְד עֶר אִיז שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אִין זַיין הַאנְט, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

**און** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פִירְט אוֹיס, אוּן דֶערְפַאר אִיז אָט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אִים, דָאס הֵייסְט מַעֲשִׂים טוֹבִים, אִיז אָט דֶער מְמוּנֶה פוּן דִי רֶעכְטֶע זַייט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר טוֹב, הֶעלְפְט אִים עֶס צוּ טוּן, אוּן דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת וָואס זִי וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "בְּעִתּוֹ", וָואס אִין אִיר אִיז אַיינְגֶעוָוארְצְלְט דֶער יֵצֶר טוֹב, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט, "יָפֶה בְּעִתּוֹ", דָאס מֵיינְט אַז אָט דִי מַעֲשֶׂה הַמִּצְוָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן, וֶוערְט אָנְגֶעקְנִיפְּט אִין דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת אַזוֹי וִוי עֶס אִיז פַּאסִיג פַאר אִים, וַוייל זִי אִיז דִי וָואס הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים. אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט, נָאכְן אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג צַייטְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "אֶת הַכֹּל", דָאס מֵיינְט, אַלֶע מַעֲשִׂים אוּן מִדּוֹת פוּן דִי מֶענְטְשְׁן, סַיי דִי גוּטֶע אוּן סַיי דִי שְׁלֶעכְטֶע, "עָשָׂה יָפֶה בְּעִתּוֹ", דָאס מֵיינְט, הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַיינְגֶעוָוארְצְלְט אִין דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת וָואס זִי וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן עִתּוֹ, וָואס זִי אִיז דִי וָואס זִי הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים דוּרְךְ דִי מַלְאֲכֵי מַעְלָה, וָואס זֵיי זֶענֶען דֶער יֵצֶר טוֹב אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע.

### אַלֶע מַעֲשִׂים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען גֶעוָואנְדְן אִין דִי בְּחִירָה

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "גַּם אֶת הָעוֹלָם נָתַן בְּלִבָּם", דָאס מֵיינְט, אַז כָאטְשׁ אוֹיף יֶעדֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ אִיז דָא אַ מַלְאָךְ מְמוּנֶה לְמַעְלָה וָואס עֶר מַאכְט זִינְדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיז אָבֶּער נִישְׁט וֶועגְן דֶעם דֶער מֶענְטְשׁ גֶעצְוואוּנְגֶען אִין זַיינֶע מַעֲשִׂים, נָאר דָאס גַאנְצֶער עֶקְזִיסְטֶענְץ פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן אַלֶע מַעֲשִׂים וָואס וֶוערְן גֶעטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, זֶענֶען נִישְׁט גֶעהָאנְגֶען נָאר אִין דִי בְּחִירָה אוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם

שממשיכים מעשים טובים להטיב להם ולכל העולם, **וְאִינּוּן יָדְעִין לְאִתְדַּבְּקָא בְּעֵת שָׁלוֹם** והם יודעים להתדבק בעת שלום, ר"ל שיודעים לגרום יחוד המלכות הנקראת עת עם היסוד הנקרא שלום, **וּבְחֵילָא דִצְדָקָה דְּעָבְדִין לְתַתָּא** ובכח הצדקה ומעשים טובים שעושים למטה בעולם הזה שבזה הם מעלים השפעות מלמטה אל המלכות [השכינה], **אִינּוּן מָשְׁכִין לְהַהוּא דַרְגָּא דְּאִקְרֵי כָּל לְאַנְהָרָא בְּעִתּוֹ** ע"י הם ממשיכים שפע והארה ליסוד הנקרא כל להאיר ולהשפיע שפע במלכות, כי כשאדם נותן צדקה לעניים הוא במדרגת היסוד וגורם שהיסוד ישפיע למלכות כשהיא במדרגת עניות.

(דף קצה ע"ב, ובביאורינו כרך ד עמ' קעט-קפ)

## סוד קריאת הימים בשם חנוכה

**אִיהוּ הוֹד תְּמַנְיָא יוֹמֵי דַחֲנוּכָּה** מדת ההוד שהיא ספירה השמינית נתקנת בשמונת ימי חנוכה, על ידי הדלקת נרות חנוכה שמונה ימים, והיינו **לְאַרְבָּעָה וְעֶשְׂרִין יוֹמִין** אחר ארבעה ועשרים ימים של חדש כסלו, שבהם לחמו החשמונאים עם היונים, על ידי זה נתקן יחוד התחתון **דְּאִינּוּן** שהם סוד **בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד** שיש בהם כ"ד אותיות של המלכות שהיא עומדת בהוד, **וּמִיַּד דַּעֲלֵה זַיִת טָרָף בְּפִיהָ** ומיד שנתקן היחוד על ידי שנמשכה בפה היסוד טפות היחוד משמן זית שבחכמה, ונעשה יחוד קודשא בריך הוא ושכנתיה, ועל ידי זה [הם] מתעוררים להעלות [השפעות תחתונות] בחכמה ובינה, ומיד **שַׁרְיָא כ"ה עַל יִשְׂרָאֵל** שורה כ"ה על בני ישראל דהיינו הארת יחוד העליון של החכמה ובינה (הכלול מג' יחודים, הוי"ה אהי"ה, הוי"ה אלהי"ם, הוי"ה אדנ"י, שיש בהם כ"ה אותיות, כמבואר בשעה"כ בכוונות חנוכה), **בְּכ"ה בְּכִסְלֵו** דהיינו בימי חנוכה, **וְאִלֵּין אִינּוּן כ"ה אַתְוָון דְּיִחוּדָא** וכנגדם הם כ"ה אותיות של היחוד

### אידיש

הַארְץ, לויט וִוי עֶס קוּמְט אַרוֹיף אִינֶעם ווילְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים, וואוויל אִיז צוּ דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי צִיעֶן גוּטֶע מַעֲשִׂים, צוּ גוּט מַאכְן פַאר זֵיי אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן זֵיי וֵוייסְן צוּ זִיךְ מִתְדַּבֵּק זַיין אִין אַ צַייט פוּן פְּרִידְן, דָאס מֵיינְט אַז זֵיי וֵוייסְן צוּ גוֹרֵם זַיין דִי בְּחִינָה פוּן יִחוּד הַמַּלְכוּת וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן עֵת, מִיט דִי בְּחִינָה פוּן יְסוֹד וָואס עֶר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שָׁלוֹם, אוּן מִיטְן כֹּחַ פוּן צְדָקָה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט אוּנְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס דוּרְכְדֶעם בְּרֶענְגֶען זֵיי אַרוֹיף הַשְׁפָּעוֹת פוּן אוּנְטְן צוּ דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת [דִי שְׁכִינָה], דוּרְכְדֶעם צִיעֶן זֵיי אַ שֶׁפַע אוּן הֶאָרָה צוּ דִי בְּחִינָה פוּן יְסוֹד וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן כֹּל, כְּדֵי צוּ דֶער לַייכְטְן אוּן צִיעֶן שֶׁפַע אִין דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת, וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט צְדָקָה פַאר אָרִימֶעלַייט אִיז עֶר אִין דִי מַדְרֵגָה פוּן דִי בְּחִינָה פוּן יְסוֹד, אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי בְּחִינָה פוּן יְסוֹד זָאל מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת, זַייעֶנְדִיג אִין דִי מַדְרֵגָה פוּן עֲנִיוּת.

# מאמרים לחנוכה

### דֶער סוֹד פוּן אָנְרוּפְן דִי טֶעג מִיטְן נָאמֶען חֲנוּכָּה

דִי מִדַּת הַהוֹד וָואס דָאס אִיז דִי אַכְטֶע סְפִירָה, וֶוערְט מְתוּקָן אִין דִי אַכְט טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, דוּרְכְן צִינְדְן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט אַכְט טֶעג, אוּן דָאס הֵייסְט, נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, וָואס אִין זֵיי הָאבְּן דִי חַשְׁמוֹנָאִים גֶעקֶעמְפְּפְט מִיט דִי יְוָנִים, דוּרְכְדֶעם אִיז מְתוּקָן גֶעוָוארְן דֶער יִחוּד הַתַּחְתּוֹן וָואס זֵיי זֶענֶען דֶער סוֹד פוּן "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד", גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער נָאמֶען פוּן דֶער כָּבוֹד פוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶערְ'ס קֶענִיגְרַייךְ אוֹיף אֵייבִּיג אוּן אֵייבִּיג, וָואס אִין זֵיי אִיז דָא פִיר אוּן צְוָואנְצִיג אוֹתִיּוֹת פוּן דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת וָואס זִי שְׁטֵייט אִין דִי בְּחִינָה פוּן הוֹד, אוּן גְלַייךְ וֶוען דֶער יִחוּד וֶוערְט מְתוּקָן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶס אִיז גֶעצוֹיגְן גֶעוָוארְן מִיט דֶעם מוֹיל פוּן דִי בְּחִינָה פוּן יְסוֹד, דִי טְרָאפְּנְס פוּנֶעם יִחוּד פוּן דִי שֶׁמֶן זַיִת וָואס סְ'אִיז דִי בְּחִינָה פוּן חָכְמָה, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, אוּן דוּרְכְדֶעם זֶענֶען זֵיי עֶרְוֶועקְט גֶעוָוארְן אַרוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען הַשְׁפָּעוֹת תַּחְתּוֹנוֹת אִין דִי בְּחִינוֹת פוּן חָכְמָה אוּן בִּינָה, אוּן גְלַייךְ רוּט כ"ה אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס הֵייסְט דִי הֶאָרַת יִחוּד הָעֶלְיוֹן פוּן דִי בְּחִינוֹת פוּן חָכְמָה אוּן בִּינָה (וָואס עֶנְטְהַאלְט פוּן דְרַיי יִחוּדִים, הֲוָיָ"ה אֶהְיֶ"ה, הֲוָיָ"ה אֱלֹהִי"ם, הֲוָיָ"ה אֲדֹנָ"י, וָואס אִין זֵיי אִיז דָא פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג אוֹתִיּוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט אִין שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת בַּיי דִי כַּוָּנוֹת חֲנוּכָּה), אִינֶעם פִינְף אוּן צְוָואנְצִיגְסְטְן טָאג אִין כִּסְלֵו, דָאס הֵייסְט אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, אוּן אַנְטְקֶעגְן זֵיי זֶענֶען דִי פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם יִחוּד, וָואס זֵיי זֶענֶען "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד",

**דְּאִינּוּן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל** יהו״ה אלהינ״ו יהו״ה אחד, שבמלת אחד נעשה יחוד חכמה ובינה (כמבואר בשעה״כ בדרושי קריאת שמע), **וְדָא אִיהוּ** כנגד יחוד זה הנעשה אז, נקרא **חֲנוּכָּ״ה** שהיא אותיות **חָנ״וּ כ״ה** סוד היחוד נקרא בלשון חניה ומנוחה שנעשה בכ״ה אותיות כנ״ל. (תיקוני זהר דף כט ע״א, ובביאורינו כרך א עמ׳ תנ)

## המקיימים מצות בחיות אינם יראים מגיהנום של שלג.

**בְּפָרֵשׂ שַׁדַּי מְלָכִים, בָּהּ תַּשְׁלֵג בְּצַלְמוֹן** פי׳ בשלג שבגיהנם הנקרא צלמון כמו צלמות, שם נשלמות נפשות הרשעים, **יָכוֹל אַף יִשְׂרָאֵל כֵּן** היינו הצדיקים הנקראים בשם ישראל הם גם כן יהיו נדונים בשלג, **תַּלְמוּד לוֹמַר, לֹא תִירָא לְבֵיתָהּ מִשָּׁלֶג** היינו הצדיקים שהם בני ביתה של השכינה לא ייראו מהגיהנם של שלג, **מַאי טַעְמָא** ואמר **בְּגִין דְּכָל בֵּיתָהּ לָבוּשׁ שָׁנִים, אַל תִּקְרֵי שָׁנִים, אֶלָּא שְׁנַיִם** דהיינו שקיימו המצות שהם זוגות זוגות, **כְּגוֹן מִילָה וּפְרִיעָה, צִיצִית וּתְפִילִין, מְזוּזָה וְנֵר חֲנוּכָּה וְכוּ׳** רצה לומר לכן הם אינם יראים מגיהנם של שלג לפי שקיימו את המצות כראוי ולא נתקררו ולא נתעצלו מלקיימם. (דף רלח ע״ב, ובביאורינו כרך ד עמ׳ תרמח)

### אידיש

הֶער צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז אוּנְזֶער גָאט אִיז דֶער אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, וָואס מִיט דֶעם וָוארְט ״אֶחָד״ וֶוערְט אַ יִחוּד פוּן דִי בְּחִינוֹת חָכְמָה אוּן בִּינָה (אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט אִין שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת בַּיי דִי דְרוּשֵׁי קְרִיאַת שְׁמַע), אוּן דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן אָט דֶעם יִחוּד וָואס אִיז דֶעמָאלְטְס גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ״חֲנוּכָּה״, וָואס דָאס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת ״חָנוּ כ״ה״, וַוייל דֶער סוֹד הַיִּחוּד וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיטְן לָשׁוֹן פוּן רוּעֶן אוּן מְנוּחָה, וָואס דָאס וֶוערְט גֶעטוּן מִיט דִי פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג אוֹתִיּוֹת וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט.

### דִי וָואס זֶענֶען מְקַיֵּים מִצְוֹת מִיט לֶעבְּהַאפְט הָאבְּן נִישְׁט קֵיין מוֹרָא פַארְן גֵיהִנֹּם פוּן שְׁנֵיי

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ״בְּפָרֵשׂ שַׁדַּי מְלָכִים, בָּהּ תַּשְׁלֵג בְּצַלְמוֹן״, דֶעמָאלְטְס וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן, צוּ פַארְטְרַייבְּן דִי פֶעלְקֶער פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין אִיר וֶועסְטוּ וַוייס וֶוערְן אַזוֹי וִוי שְׁנֵיי דוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָואס זִיצְט יֶעצְט נָאךְ אִין גָלוּת, דָאס מֵיינְט, אַז אִין דִי שְׁנֵיי וָואס אִיז אִין גֵיהִנֹּם וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ״צַלְמוֹן״ אַזוֹי וִוי ״צַלְמָוֶות״ דָארְט וֶוערְן עֶרְגֶענְצְט דִי זֶעלְן פוּן דִי רְשָׁעִים, וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט מֵיינֶען אַז אוֹיךְ דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען יִשְׂרָאֵל, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וֶוערְן גֶע׳מִשְׁפָּט מִיט שְׁנֵיי, דֶערְפַאר זָאגְט מִיר דֶער פָּסוּק ״לֹא תִירָא לְבֵיתָהּ מִשָּׁלֶג״, זִי הָאט נִישְׁט מוֹרָא פַאר אִיר הוֹיזְגֶעזִינְד פוּן דִי שְׁנֵיי, דָאס הֵייסְט אַז דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען דִי הוֹיזְגֶעזִינְד פוּן דִי שְׁכִינָה, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם גֵיהִנֹּם פוּן שְׁנֵיי, פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וָואס אִיז דֶער טַעַם, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶנְטְפֶערְט, ״כִּי כָל בֵּיתָהּ לָבוּשׁ שָׁנִים״, וַוייל אִיר גַאנְצֶע הוֹיזְגֶעזִינְד גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מִיט רוֹיטֶע וָואלֶענֶע קְלֵיידֶער, לֵיין עֶס נִישְׁט ״שָׁנִים״ נָאר ״שְׁנַיִם״, דָאס הֵייסְט אַז זֵיי הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען פָּארְן פָּארְן, אַזוֹי וִוי מִילָה אוּן פְּרִיעָה, צִיצִית אוּן תְּפִילִין, מְזוּזָה אוּן חֲנוּכָּה לִיכְט, דָאס הֵייסְט אַז דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא פוּן דֶעם גֵיהִנֹּם פוּן שְׁנֵיי, ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוֹת גֶעהֶערִיג, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעקִילְט אוּן הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּילְט פוּן עֶס צוּ מְקַיֵּים זַיין.

### שבח דא שירתא

דָאס לֶערְנֶען סֵפֶר הַזּוֹהַר אִיז זֵייעֶר דֶערְהוֹיבְּן, צוּ לֵייטֶערְן אוּן הֵיילִיגְן דֶעם נֶפֶשׁ, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט אוּן עֶר מַאכְט אַסַאךְ גְרַייזְן דֶערִין, אִיז עֶס חָשׁוּב פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן... אוּן וֶוער עֶס קֶען לֶערְנֶען אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עַל פִּי פְּשָׁט, וֶועט גֶעפִינֶען דֶערִין אַ גוּטְן טַעַם אוּן רֵייד וָואס זֶענֶען זִיסֶער פוּן הָאנִיג אוּן מוּסַר-הַשֵּׂכֶל וֶועלְכֶע צִיעֶן דָאס הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צוּ זַיין טַאטְן אִין הִימְל: (פלא יועץ, ערך זוהר)



הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ" ע״פ "מָתוֹק מִדְּבָשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל



קלענערע סעט - מהדורת ר׳ הערשל וועבער (7/5 In)



גרויסע סעט (9.5/6.5 In)

"ובלכתך בדרך" פארמאט 70 כרכים מהדורת ר׳ יוסף צבי בערגער (6.5/4.5 In)



פאר דעליווערי רופט: 845.664.5168